**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דערמאנט ניו יארקער אז די נייע געזעץ פארלאנגט באצאלטע הפסקה ארויסצוגעבן ברוסט מילך וועט ווערן איינגעפירט אנגעהויבן פון יוני 19**

***לעגיסלאציע פארלאנגט פון בעל הבתים צו געבן 30 מינוט באצאלטע הפסקה פאר ארבעטער ארויסצוגעבן ברוסט מילך***

***בויט זיך אויף גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן מוטערליכע און קינדער געזונטהייט און שטיצן פאמיליעס אין די ארבעטספלאץ - אריינגערעכנט ערשטע-אינעם-פאלק געצאלטע פרינאטאל ליוו פראגראם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז א נייע געזעץ פארלאנגט פון בעלי בתים צו געבן 30 מינוט באצאלטע הפסקה פאר ארבעטער ארויסצוגעבן ברוסט מילך הייבט זיך אן מיטוואך. די מאנדאט גייט אן סיי ווען ארבעטער האבן א מעסיגע געברויך ארויסצוגעבן ברוסט מילך און גייט אן ביז מערסטנס דריי יאר נאכ'ן געבוירן דעם קינד.

"אלס ניו יארק'ס ערשטע מאמע גאווארנער, קעמף איך יעדן טאג צו געבן ארבעטנדע עלטערן די שיצונג וואס זיי דארפן צו האלטן זייערע פאמיליעס געזונט און שטארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פון אונזערע פאלק-געפירטע פרינאטאל ליוו פראגראם צו די לעגיסלאציע וואס פארלאנגט פון בעלי בתים צו געבן ברוסטפיטערונג מאמעס א שטארק-געדארפטע הפסקה, האלט אונזער סטעיט ווייטער אן אויפצושטייגן פאר עלטערן אין די ארבעטספלאץ און באשיצן מוטערליכע און קינדער'ס געזונטהייט."

פולקאמע אינפארמאציע איבער ארבעטער רעכטן און בעלי בתים פארלאנגען איבער ארויסגעבן ברוסט מילך אין די ארבעטספלאץ איז דא צו באקומען אויף די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט ווו לעיבער'ס (NYSDOL) איבערגעגעבענע ריסאורס [בלאט](#).

אונטער די נייע געזעץ, קענען ארבעטער אויך נוצן עקזיסטירנדע באצאלטע הפסקה אדער מאלצייט פאר סיי וועלכע צייט חוץ פון די דרייסיג מינוט. דאס שטרייכט אונטער א באדייטנדע טויש פון די פריערדיגע פארלאנג, וואו בעלי בתים זענען נאר געווארן פארלאנגט צו געבן מעסיגע אומבאצאלטע הפסקה פאר די סיבה.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט ווו לעיבאר קאמישינער ראבערטא רערדאן האט געזאגט,** "די לעגיסלאציע רעפריזענטירט א געוואלדיגע נצחון פאר ארבעטנדע עלטערן לענגאויס ניו יארק סטעיט. דורכ'ן געבן באצאלטע הפסקה פאר'ן ארויסגעבן ברוסט מילך, שטיצן מיר נישט עלטערן און זייערע בעיבים, נאר מיר פארשטערקערן נאך די וויכטיגקייט פון פאמיליע-פריינדליכע ארבעטספלאץ פאליסיס. די דעפארטמענט ווו לעיבער בלייבט אנטשלאסן צו פארזיכערן אז אלע בעלי בתים שטעלן זיך צו צו די נייע סטאנדארטן און אז אלע ארבעטער זענען באוואוסטזיניג פון זייערע רעכטן."

**סטעיט העלט קאמישענער דר. דשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "געבן באצאלטע הפסקה פאר'ן ארויסגעבן ברוסט מילך ווייזט אויף אונזער שטיצע פון ארבעטנדע עלטערן און פאמיליע-פריינדליכע ארבעט סביבות. ברוסט/ברוסטקאסטן מילך ענטהאלט ערנערונגס קוואליטעטן וואס העלפן בעיביס קעמפן קעגן ווירוסן און באקטעריע, וועלכע איז וויכטיג איז זייערע יונגע מאנאטן, און בעיביס וואס ווערן געפיטערט דורכ'ן ברוסט/ברוסטקאסטן האבן ווייניגער אינפעקציעס און קרענק, וואס קען מיינען ווייניגער פארלוירענע טעג פון ארבעט פאר עלטערן. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר'ן אימפלימענטירן די לעגיסלאציע און געבן ניו יארקער די הילפסמיטלען וואס זיי דארפן זיי צו העלפן באלאנסירן זייער פערזענליכע און פראפעסאניעלע לעבנס."

די לעגיסלאציע בויט זיך אויף גאווערנער האקול׳ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן פאמיליעס אין די ארבעטספלאץ. אלס טייל פון די פיסקל יאר 2025 בודשעט, האט די גאווערנער פארזיכערט אן אפמאך אוועקצושטעלן די פאלק'ס ערשטע פרינאטאל ליוו פראגראם, געבנדיג פאר טראגעדיגע עלטערן א צוגאב פון 20 שעה פון באצאלטע סיק ליוו פאר פרינאטאל קעיר און מעדיקל באזוכן. די גאווערנער האט אויך אויסגעברייטערט טשיילדקעיר אפציעס און גענידערט די קאסטן דורך [העכערן די טשיילדקעיר בארעכטיגונג אינקאם גרעניץ](#) צו די מאקסומום ערלויבט דורך די פעדעראלע געזעץ, אזוי ארום גינסטיג זיין פאר נאך 113,000 פאמיליעס. אין צוגאב, איז די קינד שטייער קרעדיט געווארן אויסגעברייטערט אריינצונעמען קינדער אונטער פיר יאר אלט, זייענדיג גינסטיג פאר איבער 525,000 פאמיליעס און נאנט צו 630,000 קינדער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)